**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 6/2/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

**סטעיטמענט פון גאווערנער קעטי האוקול אויף דורכפירן נייע לעגיסלאציע באשיצונג אבארציע צוטריט אין ניו יארק סטעיט**

״דער הויכער געריכט איז גרייט איבערצוקערן ׳ראָו ווי. ווײד׳ דעם חודש — אבער ניו יארק וועט זיין גרייט.

אזוי ווי די מערהייט פון אמעריקאנער בין איך אויפגעשוידערט געווארן געוואויער צו ווערן אז עקסטרעמיסטן אויפ׳ן געריכט שטייען גרייט אפצושאפן די רעכט צו אן אבארציע דורך איבערקערן ׳ראו׳. דער באשלוס, נאכ׳ן אנאנסירט ווערן, וועט האבן שוידערליכע תוצאות פאר די געזונט, וואוילזיין און עקאנאמישע זיכערהייט פון מיליאנען פרויען איבער׳ן לאנד.

אבער ניו יארק שרעקט זיך נישט און וועט נישט צוריקטרעטן. א וואך צוריק האב איך אנאנסירט א לאנד-וועגווייזיגע 35 מיליאן דאלערדיגע אינוועסטירונג צו שטיצן אבארציע באזארגער לענגאויס ניו יארק. איצט, א דאנק די אנטשלאסענע פירערשאפט פון מאיאריטעט פירער סטוערט-קוזינס, ספיקער היעסטי, און אונזערע צוזאמארבעטער אין דעם לעגיסלאטור, האבן מיר אנטוויקלט א גרונטליכע פעקל פון נייע לעגיסלאציע וואס פאקסירט אויף באשיצן סיי אבארציע באזארגער און סיי זייערע פאציענטן. איך קוק ארויס אונטערצושרייבן די בילס אלס געזעץ.

מאכט נישט קיין טעות: אויף ווילאנג איך בין גאווערנער, וועט ניו יארק זיין א מקום מיקלט פאר די אלע וועלכע נייטיגן זיך אין אבארציע באהאנדלונג.״

###


נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418